בס"ד

# פרדי"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת בהר בחקתי תש"פ** שבת חזק **גליון 551 [שנה י"ב]**

**א אינטרעסאנטע חילוק פון דיביידע תוכחות**

עס איז דא א פלא'דיגן דיוק אין די צוויי פרשיות פון די תוכחה: פ' בהר פירט אויס (כז מו) מיטן פסוק אֵלֶּה הַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים וְהַתּוֹרֹת אֲשֶׁר נָתַן ה' בֵּינוֹ וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהַר סִינַי בְּיַד מֹשֶׁה: וואס דאס איז נאך א חלק פון די תוכחה, און מען דערמאנט משה רבינו'ס נאמען, אבער די תוכחה פון כִּי תָבֹא איז דער אויספיר פון די תוכחה, וְהִתְמַכַּרְתֶּם שָׁם לְאֹיְבֶיךָ לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת וְאֵין קֹנֶה: און נאכדעם הויבט זיך אן א נייע פרשה (כח סט) אֵלֶּה דִבְרֵי הַבְּרִית אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה לִכְרֹת אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מוֹאָב וגו': און ערשט נאך די תוכחה דערמאנט מען משה און נישט אין די תוכחה, א פלא, וואס איז דער חילוק? נאר אין פ' בהר שטייט אין די תוכחה דערמאנט די אבות הקדושים (פסוק מב) וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וְאַף אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק וְאַף אֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכֹּר וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר: איז פשוט אז מען דערמאנט שוין די אבות איז נישט קיין פגם אז מען דערמאנט אויך משה רבינו אין די תוכחה, אבער אין פ' כִּי תָבֹא דערמאנט מען נישט די אבות הק' אין די תוכחה, וועט זיין א פגם אויב מען דערמאנט דער נאמען פון משה, דעריבער מפני כבודו של משה, האט די תורה הק' דערמאנט זיין נאמען נאך די תוכחה אין א נייע פרשה ודו"ק. (קדשי מזבח הר' מנחם זאב קליין שו"ב ז"ל)

## דרוש אויף פרקי אבות פרק ה
## כי אתה תשלם לאיש כמעשהו

שִׁבְעָה מִינֵי פֻרְעָנִיּוֹת בָּאִין לָעוֹלָם עַל שִׁבְעָה גוּפֵי עֲבֵרָה: (פ"ה מ"ח) צו פארשטיין וואס איז די ענין פון שִׁבְעָה מִינֵי פֻרְעָנִיּוֹת, אויך פארוואס נוצט מען די לשון פֻּרְעָנִיּוֹת און נישט עונשין? נאר דער של"ה הק' טייטשט דעם פסוק (תהלים סב יג) וּלְךָ ה' חָסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ: אז דער אויבערשטער שטראפט מידה כנגד מידה און דאס איז די צדקה אז דורך דעם עונש ווייסט דער מענטש וואס ער האט געזינדיגט און זאל תשובה טאן און האבן א רפואה און דאס מיינט תשלם לאיש "כְּמַעֲשֵׂהוּ" ע"כ. קען מען דאס מסביר זיין לויט די גמ' (ברכות דף ז ע"ב) וואס פרעגט: דוד המלך האט געזאגט (תהלים ג א) מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ. פארוואס איז מִזְמוֹר לְדָוִד, ער וואלט געדארפט זאגן קִינָה לְדָוִד, נאר נתן הנביא האט געזאגט הִנְנִי מֵקִים עָלֶיךָ רָעָה מִבֵּיתֶךָ: איינער פון דיין הויז וועט דיר שלעכטס טאן, האט דוד געציטערט אפשר וועט דאס זיין א קנעכט אדער א ממזר וואס וועט נישט האבן רחמנות, אבער ווען דוד האט געזען אז דאס איז זיין זון אבשלום האט ער זיך געפרייט און געזאגט מִזְמוֹר לְדָוִד ע"כ הגמ'. פרעגן אלע (מהרש"א יעב"ץ וכו') וואס איז גוט אז דאס איז א זון, אדרבה ער דארף האבן מער צער אז זיין אייגענער זון גייט אנקעגן אים? הגה"ק ר' יהונתן אייבישיץ זצוק"ל איז מסביר (יערות דבש ח"א י"א טבת תק"ז און אין אהבת יהונתן פ' עקב) עס זענען דא צוויי סארט יסורין פון אויבערשטן, איינס איז ווען דער שטראף איז א טובה פארן מענטש, אזוי ווי א טאטע שטראפט זיין קינד וואס איז נאר לטובת הבן, און די יסורין איז א רפואה פארן מענטש, אבער עס איז דא וואס די יסורין איז חלילה מיט א הסתר פנים פון אויבערשטן אויפן מענטש און עס זענען שלא כדרך הטבע, און די יסורין זענען נישט א טובה פארן מענטש, דעריבער ביי דוד ווען ער האט געזען אז זיין שונא איז אבשלום, וואס איז געווען זיין זון האט דוד געוואוסט אז עס איז א חשבון פון יסורין פאר זיין טובה דעריבער שטייט מִזְמוֹר לְדָוִד, אבער ווען עס וואלט געווען א עבד אדער ממזר, וואלט חלילה געקענט זיין יסורין פון הסתר פנים עכ"ד. לויט דעם איז גוט וואס די של"ה הק' זאגט: ווייל ווי ווייסט מען וועלכע יסורין מען האט? נאר אויב יסורין זענען מדה כנגד מדה איז דאס יסורין לטובה ווייל במדה שאדם מודד כך מודדין לו מן השמים, און דאס מיינט "כְּמַעֲשֵׂהוּ", אבער אויב מען באקומט יסורין און מען ווייסט אז דאס איז נישט וועגן עבירות וואס מען האט עובר געווען, דעמאלט איז דאס יסורין פון הסתר פנים און זענען נישט לטובה. אזוי ווי דער פסוק זאגט: (דברים לא יז) וְהִסְתַּרְתִּי פָנַי מֵהֶם וְהָיָה לֶאֱכֹל וּמְצָאֻהוּ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת. ממילא איז גוט די משנה שִׁבְעָה "מִינֵי" פֻּרְעָנִיּוֹת, ווייל פֻּרְעָנִיּוֹת מיינט אפגעצאלט א חוב, ווייל דער אויבערשטער שטראפט מדה כנגד מדה, און דאס איז לטובת האדם, און יעדע עבירה האט א אנדערע סארט עונש, דעריבער פירט אויס די משנה עַל שִׁבְעָה גוּפֵי עֲבֵרָה, און אלעס איז צדקה פון אויבערשטן, תְּשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ, און מען נוצט דעם מספר שִׁבְעָה, אלץ אסאך. (אמרי יהודה הגה"ק ר' יהודה סג"ל ראזנער זצוק"ל מסעקלהיד)

**פארוואס שטייט צוויי מאל וועגן ארך אפים**

עֲשָׂרָה דוֹרוֹת מֵאָדָם וְעַד נֹחַ לְהוֹדִיעַ כַּמָּה אֶרֶךְ אַפַּיִם לְפָנָיו שֶׁכָּל הַדּוֹרוֹת הָיוּ מַכְעִיסִין וּבָאִין עַד שֶׁהֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת מֵי הַמַּבּוּל. עֲשָׂרָה דוֹרוֹת מִנֹּחַ וְעַד אַבְרָהָם לְהוֹדִיעַ כַּמָּה אֶרֶךְ אַפַּיִם לְפָנָיו שֶׁכָּל הַדּוֹרוֹת הָיוּ מַכְעִיסִין וּבָאִין עַד שֶׁבָּא אַבְרָהָם וְקִבֵּל שְׂכַר כֻּלָּם: לכאורה דארף מען פארשטיין דער ענין פון ארך אפים וואס עס איז א דאפעלטער ענין וואס איז געווען בייביידן, ווייל אויב עס איז א חילוק פון ביידע אֶרֶךְ אַפַּיִם דארף מען וויסן וואס איז דער חילוק צווישן די אֶרֶךְ אַפַּיִם? נאר דער הייליגער קדושת לוי שרייבט אין פ' נח אז ביז אברהם אבינו האט דער אויבערשטער נאר געשטראפט די פעלקער וואס האבן געזינדיגט אנקעגן דעם אויבערשטן און האט געשטראפט די דור המבול און דור הפלגה, וואס האבן געזינדיגט צום אויבערשטן, אבער פון אברהם אבינו האט דער אויבערשטער נישט געשטראפט די פעלקער נאר פאר די וואס זיי האבן געטאן שלעכטס פאר אידן, די קינדער פון אברהם. [וז"ל משנולד אברהם לא ענש הקב"ה לאומה רק את האומה אשר הם עושים רעה לזרעו אבל מה שעושין נגד ה' הוא שומר להם להפרע מהן לעתיד לבוא ולא כן קודם שנולד אברהם שענש הקדוש ברוך הוא לדור המבול ודור הפלגה על שהכעיסו נגד רצונו אבל משבא אברהם ענש את האומה הזאת שמצירים את זרע אברהם עכ"ל] קומט אויס אז דער ערשטע חלק פון משנה מֵאָדָם וְעַד נֹחַ, רעדט פון די אֶרֶךְ אַפַּיִם: שֶׁכָּל הַדּוֹרוֹת הָיוּ מַכְעִיסִין וּבָאִין וואס מען האט געזינדיגט צום אויבערשטן, און דאס האט ער באצאלט: שֶׁהֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת מֵי הַמַּבּוּל, אבער נאך אברהם איז דער אֶרֶךְ אַפַּיִם: שֶׁכָּל הַדּוֹרוֹת הָיוּ מַכְעִיסִין וּבָאִין וואס מען האט געזינדיגט צום אויבערשטן עַד שֶׁבָּא אַבְרָהָם וְקִבֵּל שְׂכַר כֻּלָּם, האט אברהם גענומען אויף זיך און דאס וועט מען זיי שטראפן לעתיד לבא, אבער וואס די פעלקער האבן געטאן, אדער וועלן טאן שלעכט פאר אידן, דאס וועט נישט זיין קיין אֶרֶךְ אַפַּיִם, און מען וועט זיי גוט געבן פאר דעם. דאס איז די חילוק פון די צוויי אֶרֶךְ אַפַּיִם, פון פאר אברהם און נאך אברהם. (אבות על בנים הגה"ק ר' שאול בראך)

## מדור העובדות

## ****** צוויי צדיקים האבן געמיינט די טובה פון דעם איד ******

עס איז דא א ספר וואס איז א פירוש אויפן "תנא דבי אליהו" וואס הייסט "רמתים צופים" וואס האט מחבר געווען הרה"ק מוהר"ר שמואל זלה"ה משינאווא וואס ער איז געווען אב"ד אין וולאדווי, בראק, שעדליץ, לאוויטש, ובבסוף ימיו אב"ד נאשעלסק. ר' שמואל האט געהאט גענאשט ביי שבעת רועים נאמנים: הרה"ק ר' יעקב יצחק הלוי דער חוזה מלובלין, הרה"ק ר' יעקב יצחק דער יהודי הק' מפרשיסחא, הרה"ק ר' שמחה בונם מפרשיסחא, הרה"ק ר' מנחם מענדל הרבי מקאצק, הרה"ק ר' שלמה יהודה ליב מלענטשנע, הרה"ק ר' יצחק מאיר הרבי מגור בעל חידושי הרי"ם, און הרה"ק ר' יצחק מענשכיז זיע"א און ברענגט עובדות וואס ער האט געהערט פון זיי.

דערציילט דער ר' שמואל אין זיין ספר אז ווען ער איז געווען רב אין וולאדווי איז דער הייליגער קאצקער געהאט געקומען צו אים אויף שבת חזון און האט אים דערציילט א מעשה שהיה מיט אים אליין: אין א שטעטל צווישן קאצק און לענטשנא האט געוואוינט א איד א חסיד פון ר' שלמה ליב מלענטשנא, וואס האט געהאט א גאר גרויסע -רחיים-מילכעל וואס ער האט געהאט געדונגען פון פריץ און האט מצליח געווען און האט זוכה געווען צו גוטע קינדער וואס זענען געווען בני תורה און ער אליין איז אויך געווען א חסידישער איד.

ויהי היום איז געקומען א בריוו פון פריץ אז ער וויל אים זייער אסאך העכערן זיין שכירות און אויב ער וויל נישט צאלן אזוי פיל קען ער גיין זוכן א אנדער רחיים. דער איד איז געפארן קיין לענטשנא און גיסט זיך אויס זיין הארץ פארן רבין אז ער וואוינט שוין אזוי פיל יאר דא און זיינע קינדער זענען איין געסדער'ט מיט אלעם, און דא וויל דער פריץ העכרן די שכירות און אויב נישט זאל איך גיין אין א אנדער שטאט. צו זאל איך אים נאכגעבן זיין פארלאנג? האט דער רבי אים שטרענג געענטפערט: זאלסט ענטפערן דעם פריץ אז דו גייסט נישט געבן א פרוטה מער פארן פריץ און אויב ער וועט דיר אוועקשיקן פון רחיים, וועסטו אוועקגיין פון שטאט, און דו וועסט גיין וואוינען אין א אנדערע שטאט און זוכן דארט א רחיים.

דער איד האט געפאלגט דעם רבין און געהאפט אז דער פריץ וועט מסכים זיין אז ער זאל קענען בלייבן, און האט געשיקט א בריוו צום פריץ. דער פריץ האט אים צוריקגעשריבן אז עס קומט נישט אין באטראכט, און אויב ער ברענגט נישט דעם העכערן סכום ביז דעם און דעם טאג וועט ער אים פארשיקן פון דעם רחיים. דער איד איז געפארן נאכאמאל צום רבין אין לענטשנא, און דער רבי ענטפערט אים דאס זעלבע וואס ער האט אים געענטפערט ביז יעצט.

די צייט האט זיך דערנענטערט און דער איד איז געווען צובראכן ביי זיך, וואו וועט ער טרעפן פרנסה און ער וועט נאך בלייבן אן א פרוטה, און דא האט ער א גוטע חינוך פאר די קינדער! האט דער איד מחליט געווען אז דער הייליגער קאצקער איז נישט ווייט פון אים, און ער פארט קיין קאצק און גיסט אויס זיין הארץ און פרעגט וואס זאל ער טאן? האב איך אים געענטפערט: זאלסט מוסיף זיין פארן פריץ וויפיל ער בעט און בלייב דארט און דער אויבערשטער זאל דיר העלפן און האבן הצלחה. דער איד איז געווען פול מיט שמחה און איז שנעל אהיים געפארן און געלאזט מעלדן דעם פריץ אז ער איז גרייט צו צאהלן וויפיל דער פריץ האט געפאדערט, און ער וועט בלייבן דארט אין רחיים, דער פריץ האט מסכים געווען און מען האט געמאכט א שטר אויף די שכירות, און אלע זענען געווען צופרידן.

אבער עס האט נישט געדויערט לאנג ווען זיין ווייב איז געווען אין די רחיים, און פלוצלינג האט זי געשפירט אזא שוואכקייט אין גוף אז זי קען נישט רוקן איר הענט און פיס און אויך נישט געהאט כח צו רעדן, מען האט איר אהיים גענומען און אריין געלייגט אין בעט. דער איד איז געווען צובראכן און איז שנעל צוגעפארן קיין לענטשנא צו זיין רבין און האט געוואלט אויסגיסן זיין הארץ פארן רבין, אבער דער רבי האט געהייסן די גבאים אים נישט ארייינלאזן צו אים, האט דער איד פארשטאנען אז עס איז דא א קפידה פון רבין, האט ער געבעטן די גבאים זאלן זאגן פארן רבין אז דער קאצקער רבי האט אים געהייסן בלייבן! אבער דער רבי האט אים נישט געוואלט ארייינלאזן,

האט ער פארשטאנען אז ער מוז קומען צו מיר, איז ער גדייך געקומען קיין קאצק און ער האט מיר אלעם דערציילט וואס איז פארגעקומען. האב איך גענומען טראכטן וואס איך קען דא טאן, און איך האב געבעטן אז דער רבש"ע זאל מיר העלפן אז דער איד זאל נישט האבן צער וועגן מיר, ווען איך האב געשפירט אז עס איז דא א וועג אויף א ישועה, האב איך אים געזאגט "אנא ה' הושיעה נא" און פאר אהיים מיט א ישועה. דער איד איז אהיים און ביז א קורצע צייט איז זיין ווייב אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן. ע"כ די מעשה.

האט דער קאצקער דעמאלטס דערציילט פאר ר' שמואל: איך פארשטיי אז עס וועט זיין א קפידה צווישן דער לענטשנא און מיר, אבער איך האב פארשטאנען די כוונה פון הייליגן לענטשנא אז ער האט געזען וואס דארף געשען מיטן חסיד'ס ווייב, און ער האט געוואלט אז די שטוב זאל האבן א געזונטע מאמע און אז דורך דעם וואס זיי וועלן אוועקגיין פון דארט וועט דאס זיין א אויסבייט פאר איר, און זי וועט בלייבן א געזונטע מאמע, אבער איך האב אבער רחמנות געהאט אויף די חינוך פון די קינדער וואס דורך פארן ערגעץ וואו, וועט זיין א סכנה פאר זיי, האב איך זיך שוקל געווען וואס איז וויכטיגער די חינוך צו די געזונט, און איך האב געהאלטן אז די חינוך איז וויכטיגער, אבער אז דער מצב איז געווען שמאל ביי זיין ווייב האט איך גפויעלט אז זי זאל אויך ווערן געזונט! האט ר' שמואל אויסגעפירט אין ספר אז מען זעהט אז צדיקים פארשטייען איינעם דעם אנדערן און אלע מיינען די טובה פון זייער חסיד. זיע"א.



***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה***

טור או"ח ווילנא תר"ס מיט חתימות און הגהות רבני טשעגנער, עת לעשות ערשטע דרוק פון הרה"ק ר' הילל קאלאמייא אז שמירה און סגולה ספר, ספר שו"ת יד יוסף תרל"ד פון הרה"ג ר' יוסף יואל דייטש מיט שיינע הגהות כת"י א חתימה פון הרה"ג ר' יעקב דובער הלוי הורוויץ $800 ספר קן מפורשת עם נחלת צבי דפוס ראשון הנודע לסגולה למלא כל הבקשות, א שיינע בריוו פון ראגאטשאבער וועגן זיין איידעם, סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב, אויך א ספר מיט הקדש פון מאניסטריטשער, 40 גמרות פון זיטאמיר $5000, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, סידור דרך החיים זיטאמיר מצב יפה, בריוו פון דעת סופר און זון וועגן בויען זיין ישיבה אין ירושלים, א שיינע בריוו פון הגאון מטשעבין וועגן זיין חשובע ישיבה, סעט זוהר בינוני דפוס זיטאמיר, שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר, ספר וואס האט באלאנגט צו הר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, א בריוו פון ר' יעקב קמינצקי פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון, **4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA until further notice call 718 - 438 - 8414 or email seforim@gmail.com, *WWW.SEFORIMWORLD.COM* to order or to pick up orders To receive pardes: send to seforim@gmail.com**

**מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען**



**דער גליון איז מוקדש לעי"נ מיין פלימעניק הבחור החשוב יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י – – י' סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב!**